STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11053

# ARBET, SHPIL, GEZANG

Rive Boiarskaia

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר. באָיארסקע

# ארבעט
# שפּיל
# געזאנג

קינדער-לידער

פארלאג „עמעס"
מאָסקווע 1932

# פאָרוואָרט

וועגן דער וויכטיקער ראָליע פון געזאנג, ספעציעל פון דעם, וואָס איז פארבונדן מיט
שפּיל און ארבעט אין די פאָרשול-אנשטאלטן, איז ניט נייטיק צו פארלירן קיין וואָרט. דאָס
פאָרליגנדיק ביכל איז געשאפן געוואָרן, קעדיי צו פארפילן א בלויז, וואָס פילט זיך שוין
לאנג אין די יידישע פאָרשול-אנשטאלטן. אָן אזא געזאנג-ביכל קומט דער אָנפירערן אויס
ר פירן די ארבעט בלויז לויט איר אייגענעם זיקאָרן, אף א קוסטארישן אויפן, אָדער בא-
וצן זיך מיט „אלגעמיינע", דאָס הייסט, רוסישע זאמלונגען און דורך דעם בעמיילע איבער-
יין אף דער רוסישער שפראך.

באם אויסוואל פון די לידער איז גענומען געוואָרן אין אכט סיי זייער צוגעפאסטקייט
צו פארשיידענע געלעגנהייטן, ווי יאָנטויוועם, אויספלוגן א. א. וו., סיי — און דאָס איז נאָך
וויכטיקער — זייער טויגבארקייט אלס מאטעריאל פאר דער טאָג-טעגלעכער ארבעט מיט די
פאָרשול-קינדער. צוליב דעם זיינען צוגעקליבן געוואָרן לידער, וואָס שטעלן פאָר ארבעט-
פראָצעסן און שפּילן, אין וועלכע די קינדער קאָנען זיך באטייליקן גרופּעסווייז.

קיין ספעציעלע מעטאָדאָלאָגישע אָנווייזונגען, ווי צו באנוצן זיך מיטן ביכל איז דאָ
נים נייטיק צו געבן. די לערערן, וואָס איז באקאנט מיט די אלגעמיינע פּרינציפּן פון אָר-
גאניזירן דעם געזאנג אין פאָרשול-אנשטאלט וועט ניט באגעגענען קיין שום שוועריקייטן
דאם אָנווענדן זיי צום מאטעריאל פון דעם ביכל.

פ א ר ל א ג.

Уполн. Главлита В-9702 Заказ № 2148 Тираж 3000 экз.
17-я тип. УПП ОГИЗ'а. Москва, Шлюзовая наб., 10.

# I. א ר ב ע ט

## 1. שלײַפער

כ׳גיי ארום איבערן שטאָט
מיטן שלײַף - טישל אפן האנט.
אלע גאסן ווייס איך דאָרט,
אלע ערטער מיר באקאנט.

ווער דארף שלײַפן שער און
מעסער?
קײנער וועט ניט מאכן בעסער
קומט אהער אף גיך,
שלײַפן גוט קען איך.

## 2. דער טישלער

שארפע דאָלעטעס און זעגן
און דער הובל לויפט אנטקעגן.
אויגן מעסטן, שטײַף די האנט,
ארבעט טישלער נאָכאנאנד!

טו - טו - טו! — מאכן זעגן,
און דער הובל לויפט אנטקעגן.
מיט דער דאָלעטע אין האנט
ארבעט טישלער נאָכאנאנד.

## 3. פארבער

פארבער שטייען אפן דאך,
טוען ארבעט גאָר אסאך.
פארבן שיין די ווענט
מיט די בערשטלעך אין די הענט.

ווער עס גייט פארבײַ — זאָל היטן
זײַנע קליידער און זײַן היטל,
פארב פון בערשטל רינט אראָפּ
גלײַך דעם גייער אפן קאָפּ.

## 4. דער אויטאָמאָביל

אויטאָמאָביל פאָרט גיך, געשווינט
הייבט אין גאַס א שטויב, א ווינט.
שטויב, א ווינט, א גרויען רויך,
גרויען רויך אין דער הויך.

דער שאָפער האלט די ראָד אָן
שרעק.

פאָרט און יאָגט אף גלייכן וועג.
פּיפּט און שאלט — היט זיך אָפּ,
פון ברייטן וועג לויפט אראָפּ.

דרייט זיך אויס אין גאס דערביי,
מענטשן, ביימער — אלץ פארביי.
אויטאָמאָביל לויפט דורך געשווינט.
הייבט אף גאס א שטויב, .א ווינט.

## 5. וואסערלייטונג

פונעם ברונעם טראָגן וואסער
ווערסט פארמאטערט, ווערסט א
נאסער
און בא אונדז דאָ נאָכאנאנד
רינט דאָס וואסער פון דער וואנט.

איינס, צוויי—דורך די טרויבן
רינט דאָס וואסער אונטן, אויבן,
קאָנסט דאָס נוצן אָן א שיר,
נעם דיר וואסער, ווער עס וויל.

## 6. קליינע קאָאָפּעראטאָרן

הודזשעט, קנאקט, הודזשעט,
קנאקט
רייבט דער מילשטיין קאָרן,
שיט זיך מעל, שיט זיך מעל,
פול די זעק געוואָרן.

זעקלעך מעל, זעקלעך מעל
שווער איז אונדז צו טראָגן.
קינדער, גיך, קינדער, גיך —
פאָרט צו מיט דעם וואָגן.

וויאָ - וויאָ - וויאָ, וויאָ - וויאָ - וויאָ,
פערדל, פערדל — האָפּ - האָפּ!

קלאפּן טלאָען אין די שטיינער,
קלאפּן: טאָפּ-טאָפּ-טאָפּ-טאָפּ!

דין-דין-דין, דין-דין-דין!
קלינגען פערדלס גלאָקן.
— אָט איז אונדזער „קאָמונאר“
— הערט שוין אויף צו וויאָקען!

דרייט דאָס פערדל מיטן קאָפּ
גלינגלען, גלינגלען גלעקלעך,
טראָגט מען מעל אין „קאָמונאר“ —
פלאמען אויגן, בעקלעך.

## 7. יונגע נאַטוראַליסטן

יונגע נאַטוראַליסטן,
קליינע קינדער מיר;
נ׳לעבעדיקן ווינקל
אַרבעטן דאָ פּיל.

ראַמען דעם טעראַריום
וואַשן דעם אַקוואַריום,
גיבן אַלעמען עסן,
קיינעם ניט פאַרגעסן.

## 8. יאַגעדניק

אַך, געשמאַק
וועט זײַן דער קוכן!
קומט זשע, קינדער,
יאַגדעס זוכן.

שוין געוואָרן
פול די שיסל.

גיך אַוועק
נ׳טיפן וואַלד
און געפונען
יאַגדעס באַלד.

מעל מיט וואַסער —
גרייט שוין טייג;
יאַגדעס, יאַגדעס
גיכער לייג.

יעדער קלײַבט
און ברענגט אַביסל —

באַקט דעם קוכן
נאָר צוזאַמען —
ט׳איר געשמאַקער
אַלע האַמען.

## . אַ פּײַפּעלע

ווער ווייס, ווי מאַכט מען פּײַפּעלעך?
— איך ווייס, ווי מאַכט מען פּײַ-
פּעלעך!
אינעם גראָבן וואַקסט אַ דאָרן —
איז ער דאַר און הויל געוואָרן,
רײַסט מען אים אַרויס,
שנײַדט מען לעכלעך אויס;
פּײַפּט מען, פּײַפּט מען, פּײַפּט מען
לאַנג,

ביז סע גייט אַרויס אַ קלאַנג,
קלאַנג אַ דינער, ווי אַ שטרוי
ווערט אַ פּײַפּעלע אַזוי.
באַלד דערהערן אָבער קינדער —
קומען זיי מיט אַ געפּילדער.
— פּײַפּעלעך, אוי, פּײַפּעלעך!
יעדער מאַכט אַ פּײַפּעלע.

# II. רויטע טעג

## 10. אָקטיאַבער-פײַערונג

טומל, פילדער,
שטופערײַ,
רויטע פאָנעס —
אײַ, אײַ, אײַ!

האָרעפּאַשנע
מענטשן גײן —
אַלטע, יונגע,
גרויס און קליין —

אַלע קינדער —
נ׳גאַס אַרויס;
ס׳לידל — „לענין“
ברויזט און ברויזט...

פון פאַבריקן,
פון וואַרשטאַטן
רויטלט פאָן ביז
פלאַץ פון ראַטן.

פיר אונדז, אוטאַ,
פיר אונדז אָפּ
אויף דעם יאָנטעוו —
רויט אָקטיאָבער...

הײַלכן קינדער,
שיסן האַרמאַטן —
לעבן זאָל די
מאַכט פון ראַטן!

## 11. ערשטער מײַ

גיכער, גיכער מיט די פאָנעס —
ס׳גייט און קלינגט דער ערשטער
מײַ,
פריילעך קומט ער מיט מאַטאָנעס —
לאָמיר זינגען הויך און פרײַ.

לאָמיר שפּאַנען דרײַסט און מונטער
אונטער גאָלד פון זונענשטראַלן —
אונדזער יאָנטעוו איז אַ בונטער —
פאָנעס, בלומען, האָרן-שאַל!

## 12. ערשטער מײַ

הײַנט איז לויטער — זון און הימל
און די ערד איז גרין און שײן —
אפֿן גרויסן ארבעט־יאָנטעוו
פֿרײלעך, קינדער, לאָמיר גײן.

הויך די רויטע פֿאָן געהאלטן,
שטאָלץ געגאנגען — אײנס, צװײ, דרײַ
אומעטום זאָל זינגען, קלינגען:
„לעבן זאָל דער ערשטער מײַ"!

# III. אַרבעט-שפּילן

## 13. אווטאָ-פאבריק

נו, פארשפּאנט זיך,
ווי די פערד,
זאמד און אײַזן,
ציגל פירט!

טרעשטשעט ברעטלעך,
אײַזן — קלינג!
דרענגלעך, קלעצלעך
שלעפּט זשע פלינק.

דזין-באָם! דזין-באָם!
טא-רא-ראם!
פריילעך ארבעט,
ארבעט-מאַן!

וואקסן ווענטלעך,
דאך און בריק,
ווערקשטעל, אויוון —
א פאבריק!

אופגעשטעלט איז
קוימען הויך —
רינגלעך, רינגלעך
ווײַסער רויך.

— הערסט א קנאקן —
טא - טא - טא?
ס'בויט מען אווטאָ —
הערסט? — אהא!

פּײַפּער, רודער,
רעדער, דראָט —
האָסטו אווטאָ!
לאָזט — ער פאָרט!

פאָרט ער, פאָרט ער
און פארפירט —
קליינע קינדער
אין קאָלווירט.

## 14. קליינע אײַזנבאנער

ס'גייט א מאכנע
מיט זעג און האמער,
שטעקנס, ברעטלעך
האק און קלאמער.

פון די ברעטלעך
שפּאלן פליִען,
פון די שטעקלעך
רעלסן ציִען.

און וואַגאָנען
גרייט שוין שטייען —
קעסטלעך, בענקלעך
אין די רייען.

אַף איין בענקל
שטייט א צווייטער —
פאַרטיק דאמפער,
שוין א גרייטער.

הענטלעך הייבן
אין די הויכן:
ווײַסע טיכער —
דאָס איז רויכן.

און צוויי כעוורע
פײַפן, פּינען,
זשומען, הודזשען
ווי מאשינען.

טו-או — טו-או! —
טיקן-טאקן,
פײַפערס פײַפן,
רעלסן קנאקן...

טיקן-טאקן
פו-פו־פאָ! —
צוג אנטלאָפן —
שוין בישטאָ.

## 15. זאמד-ארבעטער

גיך פארקאטשעט בײדע ארבל,
צו דער ארבעט גיך א יאָג.
פלינק פארשארט די זאמד אין
קאסטן,
אלע קײלים גיך א טראָג.

כעוורע, גיכער, צו דער ארבעט,
באקט די קוכן פון דעם זאמד,
בײגל, בולקעס — אן אנטיק —
פליען פרײלעך פון דער האנט.

דאָ קומט אָן דער שפרינגער בערל,
שפרינגט ער אונטער אף איין פוס.
מײַקע, וואָווע, ווײַזט די בײגל
אוי, זײ זײַנען צוקער-זיס.

פײַל-פון-בויגן — פון די בײגל
אפן קאָפּ געמאכט א קרוין
און צעטײלט באלד צווישן קינדער
און — א בײגל זיך אליין.

## 16. מאכט א ראָד

מאכט א ראָד, מאכט א ראָד
גיך, קינדערלעך,
הייבט די הענט
און לאָזט אראָפּ —
שטייט אלע גלײַך.

אין איין זײַט,
אין צווייטער —
טוט זיך א בויג,
אף די שפּיץ פינגער
טוט זיך א דריי.

מיט די פיסלעך,
מיט די פיסלעך
טאָפּ-טאָפּ-טאָפּ-טאָפּ.
מיט די הענטלעך,
מיט די הענטלעך —
קלאפּ-קלאפּ-קלאפּ-קלאפּ!
הענטלעך און פיסלעך
זײַנען שוין מיד
א סאָף שוין צום שפּרינגען —
נו, קינדערלעך, רוט.

## 17. קומט, קינדער, לאָמיר גיין

קומט, קינדער, פריילעך גיין.
איצט לאָמיר בלײַבן שטיין —
און טוט זיך גיך א דריי — } בּיס
איינס און צוויי!

איצט מאכן מיר א ראָד
און גייען א קאַראָהאָד —
פריילעך לאָמיר גיין } בּיס
אזוי איז שיין.

טרא־לא-לא-לא-לא
און טרא-לא-לא-לא
א. א. וו.

# IV. מאַרש-לידער

## 18. רויטאַרמייער

קלאַפּט דער פּויקער — גייען רייען,
פּעסט און מונטער הילכן טריט:
טראַ-טאַ-טאַ-טאַ — ווי אויף אײַזן
וואַלטן האַמערס פּעסט געשמידט.

גייען רייען — טראַ-טאַ, טאַ-טאַ,
אויף די אַקסלען ביקס און שפּיז
יעדער איינער — קאָפּ געהויבן,
יעדער איינער איז אַ ריז.

## 19. דער פּויק גייט פּאָרויס

דער פּויק גייט אַרויס
און פּויקט זיך פּאָרויס,
און מיר אַלע גייען
פריילעך אין די רייען

טראַ-לאַ-לאַ-לאַ
און טראַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ.

קלינגט, קלינגט, גלעקעלעך,
קלאַפּט, קלאַפּט, שטעקעלעך,
פײַפט, פײַפט, פײַפעלעך,
קלאַפּט, קלאַפּט, פּײַקעלעך

טראַ-לאַ-לאַ-לאַ
און טראַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ.

## 20. זײַט גרייט!

אין די רייען!
האַנט בײַ האַנט
און ווי איינער
מונטער שפּאַנט!
— שטענדיק גרייט!

— איינס און צוויי
און דרײַ און פיר,
רויטע קינדער
זײַנען מיר.

## 21. גרינגע ווי ווינטן

גרינגע, ווי ווינטן, מיר שפאנען,
מיר גייען.
ארבעטער־קינדער! צו אונדזערע
רייען.

ס'קומען שוין טעג פון ליכטיקער
פרייד.
רוף פיאָנערן — שטענדיק זיי גרייט.

# ט. אָקטיאַבערלעך

## 22. מישע

אַן אָקטיאַבערל איז מישע,
פון דעם ערשטן רינג,
פריילעך, מונטער און צופרידן
איז ער פון אלצדינג.

שטענדיק גרייט צו טאָן איז ער דאָך
וואָס מע הייסט אים דאָרט,

די אָקטיאַבערלעך-געזעצן
פירט ער אויס אפן אָרט.

טראָגט ער גערן
רויטן שטערן,
ווייס פון מוירע ניט,
העלפן יעדן אין א נויט
איז ער שטענדיק גרייט.

## 23. סראָליק לויפט אין קינדער-גאָרטן

אוי, ס'איז היינט א גרויסער פראָסט,
שטעכט אין פּאָנעם, בייסט די נאָז;
מע דארף לויפן גיך, געשווינט,

ס'זאָל ניט דורכנעמען דער ווינט;
צום קינדער-גאָרטן גאָר ניט ווייט,
סראָליק ט'קומען צו דער צייט.

## 24. א שטערנדל א רויטס

געקויפט האָט מאמע שימעלען
א שטערנדל א רויטס,
האָט שימעלע דאָס אָנגעטאָן
און האָט זיך שטארק געפרייט.

זאָגט מאמעלע צו שימעלען:
— „קום, שימעלע, אהער,
באַווייז נאָר מיט די פיסעלעך,
ווי גייט א פּיאָנער".

ציט גלייך זיך אויסעט שימעלע,
און הייבט אוף הויך זיין קאָפּ,
און מאכט מיט הענט און פיסעלעך,
מיט פיסעלעך — טאָפּ-טאָפּ.

דאַן זאָגט די מאמע שימעלען:
נו, שימעלע, זיי גרייט!
הייבט שימען אויף א הענטעלע
און ענטפערט: „שטענדיק גרייט"!



2148—1

# V. צײַטן פֿון יאָר

## 25. פֿייגעלעך

פֿייגעלעך פֿון ווײַטן
קומען שוין צוריק.
און עס הערט זיך ווידער:
טשיק-טשיריק.

בליִען וועלן בלומען,
פֿרילינג, פֿרילינג גייט!
פֿייגעלעך די נעסטן
מאַכן גרייט.

ס׳פֿליט אַרויס אַ פֿליגל,
ס׳קריכט אַרויס אַ זשוק.
און סע הערט זיך ווידער:
טשיק-טשיריק.

## 26. הענדעלעך - הינדעלעך

הענדעלעך-הינדעלעך,
טעכטערלעך, זינדעלעך,
קלייניקע פֿייגעלעך,
קוקט מיט די אייגעלעך.
מאַכט מיט די קעפּעלעך,
שאַרט מיט די פֿיסעלעך,
פּיקט מיט די שנעבעלעך,
פּאָכט מיט די פֿליגעלעך.

## 27. אין סאָד

כאַנעלעס מאַלינעס —
רויטע קעפּעלעך,
גרינע עקעלעך,
שמעקן געשמאַק,
זיס, ווי צוקער,
דאָס איז דעריקער.

ווײַנשל רויטע
שוין גאָר גרייטע
בײַס מיט די ציינדעלעך,
וואַרף אַרויס די ביינדעלעך.

אַגרעסן אָן אַ שיר,
מיט קערלעך פֿיל,
עס ניט קיין סאַך —
אַ זויערע זאַך.

## 28. מאָן

מאָן, דו, מאָנדל,
רויטינקער קעפּל,
בלי, בלי שוין, בלי,
קערנדלעך גיב,
פֿלאָדן מיט מאָן
האָבן קינדער ליב.

## 29. „פֿאַרגעס מיך ניט"

וווּ נידעריק און פֿײַכט,
וווּ נאָענט איז דער טײַך,
וואַקסן בלוי גאָלד-שײַנע
„פֿאַרגעס מיך ניט" קלײנע.

## 30. פֿליִען בלעטער

פֿליִען בלעטער פֿון די ביימער,
פֿאַלן אַרומעטום.
ווער עס וויל אַן אַרבעט טאָן,
קלײַבט זיי דאָרט אַרום.
עפּל, באַרן צײַטיק שוין,
מע דאַרף פֿון ביימער רײַסן,
נו, שוין, קינדער, קומט אַף גיך
מע קאָן דאָ אויך פֿאַרבײַסן.

## 31. אַ שניי שיט

אַ שניי שיט,
אַ שניי פֿאַלט,
דער שניי פֿאַרשיט
פֿעלד און וואַלד.
אַלע דעכער ווײַס.
אַף די טײַכן — אײַז.

## 32. וואָס מיר רעגן

וואָס מיר רעגן, וואָס מיר וועטער,
קינדער גייען קלײַבן בלעטער,
דער אַ פּאַק, דער אַ פּאַק —
ס'איז שוין פֿול דער זאַק.
הענגט די בלעטער פּאַס נאָך פּאַס
פּוצט אויס דעם גאַנצן קלאַס.

## 33. דאָס וואָלקנדל

שווימט און שווימט אַ וואָלקנדל
הויך, גאַנץ הויך דאָס שוועבט
און קליינע טראָפּנס, טראָפּעלעך
אינגאַנצן אַרומגעוועבט.
נ׳געסט צום קליינעם וואָלקנדל
יאָגן טראָפּן אָן אַ צאָל...
— שווער איז מיר צו טראָגן אײַך —
צעגיסט זיי מיטאַמאָל.

כאַפּט די טראָפּנס אפּן וועג
קאַלטער ווינט און פראָסט —
פון קליינע טראָפּנס — טראָפּעלעך
א שניי זיך באַלד געלאָזט.

שנייעלעך, ווי שטערנדלעך
טאַנצן אויף און אָפּ,
ב'מיטאמאָל פאַרפירן זיי
א שטילן קאַראַהאָד.

פון שטיפן, טאַנצן מידינקע,
זוכן זיי זיך רו,
טיפער, טיפער ווערט דער שניי —
אָט שוין ביז די קני.

ווײַס און קלאָר ב'דרויסן ווערט,
שטאַרקער ווערט דער פראָסט,
שטשיפּעט אויער שטיפעריש,
רויטלט באַק און נאָז.

ווינטער רופט די קינדערלעך:
אין דרויסן שטיפן גייט!
שנייערס, קוילן, מענטשן קלעפּט —
שניי איז אָנגעגרייט.

# VII. פאַרשיידענע

## 34. מאַשינען-געזאַנג

(א וויג-ליד)

גלענגלט זייגער:
גלים-גלום-גלאָם,
אויסגעלאָשן
שוין די לאָמפּ.

שאַ, שאַ, שטילער,
שטילער, שטיפער,
אָט קומט אָן באַלד
שלאָף דער טיפער.

רוט-זשע, שלאָפט-זשע,
שלאָפט ביז טאָג —
ביז ס'נעמט הודען
דער הודאָק:

הו - הו - הו - הו,
הו - הו - הו - הו,
הו - הו - הו - הו - הו,
הו - הו - הו - הו...

אין פאַבריק שוין פון באַגינען
טשאַק-טשאַק, טשאַק-טשאַק —
די מאַשינען,
טיק-טאַק, טיק-טאַק —
האַמערס קלאַפּן,
פּיך-פּעך, פּיך-פּעך —
דאַמפּער סאָפּעט,

דין-דאָן, דין-דאָן —
אייזנס קלינגען,
דזין-דזין, דזין-דזין —
זעגן זינגען...

שלאָפט-זשע, קינדער,
שלאָפט געזונט,
הערט די זעג,
זי זינגט, זי זינגט:

דזין-דזין, דזין-דזין,
דזין-דזין-דזין,
דזין-דזין, דזין-דזין,
דזין-דזין-דזין.



2148—2

## 35. פון שטאָט אין דאָרף

פאָרט א פור געלאָדן,
און א פויער — אויבן.
— פון וואנען?
— פון שטאָט!
— וווהין?
— אין דאָרף.
— וואָס פירסטו אין דאָרף?

— זאלץ צום עסן,
זייף צום וואשן,
נאפט און רעדער,
ציץ און לעדער,
און אן אקער פאר דער ערד,
און א האמער און א סערפ.

## 36. איך בין פון דאָרף

— איך בין פון דאָרף.
— און איך בין פון שטאָט.
— איך ארבעט אין פעלד.
— און איך אין זאוואָד.

— בא אונדז וואקסן ברויטן.
— בא אונדז הודזשען פאבריקן.
— ארבעטן מיר ביידע.
— זינגען מיר ברידער.

# א י נ ה א ל ט


פאָרוואָרט . . . . . . . . . . . 2

| | טעקסט | נאָטן |
|---|---|---|
| **I. ארבעט** | | |
| 1. שלייפער | 3 | 1 |
| 2. דער טישלער | 3 | 1 |
| 3. פארבער | 3 | 2 |
| 4. דער אווטאָמאָביל | 4 | 2 |
| 5. וואסערלייטונג | 4 | 3 |
| 6. קליינע קאָאָפעראטאָרן * | 4 | 3 |
| 7. יונגע נאטוראליסטן * | 5 | 4 |
| 8. יאגעדניק * | 5 | 4 |
| 9. א פייפעלע | 5 | 5 |
| **II. רויטע טעג** | | |
| 10. אָקטיאבער-פייערונג * (3 מעלאָדיעס) | 6 | 6 |
| 11. ערשטער מיי (גיכער, גיכער) | 6 | 7 |
| 12. ערשטער מיי (2 מעלאָדיעס) | 7 | 7 |
| **III. ארבעט-שפילן** | | |
| 13. אווטאָ-פאבריק * | 8 | 9 |
| 14. קליינע אייזנבאנער* (2 מעלאָדיעס) | 8 | 9 |
| 15. זאמד-ארבעטער* | 9 | 10 |
| 16. מאכט א ראָד* | 9 | 10 |
| 17. קומט, קינדער, לאָמיר גיין * | 10 | 11 |
| **IV. מארש-לידער** | | |
| 18. רויטארמייער (צוויי מעלאָדיעס) | 11 | 11 |
| 19. דער פויק גייט פאָרויס * | 11 | 12 |
| 20. זייט גרייט! | 11 | 13 |
| 21. גרינגע ווי ווינטן | 12 | 14 |
| **V. אָקטיאבערלעך** | | |
| 22. מישע | 13 | 14 |
| 23 סראָליק לויפט אין קינדער-גאָרטן (2 מעלאָדיעס) | 13 | 15 |
| 24. א שטערנדל א רויטס | 13 | 16 |
| **VI. צייטן פון יאָר** | | |
| 25. פייגעלעך | 14 | 16 |
| 26. הענדעלעך-הינדעלעך | 14 | 17 |
| 27. אין סאָד | 14 | 18 |
| 28. מאָן | 15 | 18 |
| 29. „פארגעס מיך ניט" | 15 | 19 |
| 30. פליען בלעטער | 15 | 19 |
| 31. א שניי שיט | 15 | 19 |
| 32. וואָס מיר רעגן! | 15 | 20 |
| 33. דאָס וואָלקנדל* | 15 | 20 |
| **VII. פארשיידנס** | | |
| 34. מאשינען-געזאנג* | 17 | 20 |
| 35. פון שטאָט אין דאָרף | 18 | 21 |
| 36. איך בין פון דאָרף | 18 | 21 |


א נ מ ע ר ק ו נ ג: די 11 לידער, וואָס זיינען דאָ אינעם אינהאלט-בלעטל באצייכנט מיט א שטערנדל, זיינען ריווע באָיארסקעס אייגענע טעקסטן. די איבעריקע טעקסטן האָט דער אווטער פונעם זאמלבוך גענומען פון דער כרעסטאָמאטיע „וואָס דערציילן פאר קינדער" צונויפגעשטעלט פון כ. ראַבינאָוויטש, מ. עלשטיין, ד. שוף, פ. בערנשטיין (קאָמיסיע באם אָדעסער יידמעטאָדקאָם). די לידער געהערן צו פארשיידענע אווטערן, ווי ד. האָפשטיין („וואָס מיר רעגן", „גרינגע ווי ווינטן" א. א. וו.), ל. קוויטקאָ („א פייפעלע"), ראָזענבלום („א שטערנדל א רויטס") א. א. וו.

## № 35. FUN STOT IN DORF.




## № 36. IX BIN FUN DORF.



## №32. VOS MIR REGN

Munter.




## №33. DOS VOLKNDL.

Mitlmesik.




## №34. MAŠINEN - GEZANG

Langzam.



## № 29. FARGES MIX NIT.

Cant




## № 30. FLIEN BLETER.

Mesik.




## № 31. A ŠNEJ ŠIT.

Munter.



## №27. IN SOD.

Mesik.




## №28. MON.

Mesik.






## №26. HENDELEX-HINDELEX.

Mesik.



## №24. A ŠTERNDL A ROJTS.

Mesik




## №25. FEJGELEX.

Munter.



## № 23. SROLIK LOJFT IN KINDER-GORTN

Variant I.
Munter.




Variant II.
Lebedin.



## № 21. GRINGE VI VINTN

Mesik.




## № 22. MIŠE.

Frejlex, munter.






## № 20. ZAJT GREJT.

Munter.



Variant II.

Munter




## №19. DER POJK GEJT FOPOJS.

Munter



## №17. KUMT, KINDER, LOMIR GEJN




## №18. ROJTARMEJER.



Variant II.




## №15. ZAMD-ARBETER.




## №16. MAXT A ROD.



## №13. AVTO-FABRIK.




## №14. KLEJNE AJZNBANER

Variant I.






Variant II
Lebedik



## №11. ERŠTER MAJ.

Frejlex munter




## №12. ERŠTER MAJ.

Variant I.
Lebedik



# №10. OKTJABER-FAJERUNG.

Variant I.

Munter.




Variant II.

Lebedik.




Variant III.

Munter.



## № 9. A FAJFELE.


Munter
Ver vejs vi maxtmenfaj-fe-lex ix vejs vi
maxt men faj-fe - lex i -nem gro-o-bn vakst a do - rn
iz er da-ar un hojl ge - vo - rn rajst men im a-rojs
šnajdt men lex - lex ojs fajft men, fajft men, fajft men lang
biz es gejt a - rojs a klang klang a di-ner vi a - štroj
gix
-vert a faj - fe-e - le a - zoj bald der - he - rn o - ber
kin - der iz ku - men zej mit a ge - pil - der
Langzam
faj - fe - lex oj faj - fe - lex je - der maxt a fa-aj-fe-e -le.

## №7. JUNGE NATURALISTN.

Mesik




## №8. JAGEDNIK.

Frejlex






## №5. VASERLEJTUNG.

Munter




## №6. KLEJNE KOOPERATORN.

Lebedik



## №3. FARBER.

Munter




## №4. DER AVTOMOBIL.

Lebedik



## №1. ŠLAJFER.




## №2. DER TIŠLER.